בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תצוה-זכור

י"א אדר תשפ"ג

גליון מס': כ

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:02 |
| מוצש"ק | 6:15 |
| ר"ת | 6:56 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:12 | סוז"ת א' | 9:25 |
| סוזק"ש ב' | 8:54 | סוז"ת ב' | 9:53 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

## טיב המערכת

### וְנַהֲפוֹךְ הוּא

דאס גאנצער ענין פונעם יום־טוב פורים איז דאס קירוב הלבבות. די מצוות פון משתה ושמחה, מתנות לאביונים און משלוח מנות זענען אלע מצוות וואס ווערן געטון בין איש לרעהו, און עס איז נישט מעגליך דאס מקיים צו זיין זייענדיג איינער אליין. און נישט נאר דארף דער מענטש אנקומען צו זיינע חברים, נאר ער דארף אויך צוקומען צו די גאר פשוט'ע מענטשן, און אויך אויב א גאנץ יאר האט ער נישט מיט זיי קיין פארבינדונג, אבער אינעם הייליגן טאג פון פורים דארף ער טיילן פון זיין געלט דווקא פאר די ארימעלייט. אויך דער ארימאן פון זיין זייט, דארף זיך פאָרשטעלן פארן רייכן כדי ער זאל מקיים זיין מיט אים די מצוה פונעם טאג: מתנות לאביונים. אזוי אויך מיט די מצוות פון משתה ושמחה און משלוח מנות, דארף דער מענטש אריינעמען אלע זיינע פריינט, און נישט דווקא די וועלכע געפינען זיך אויפן זעלבן שטאנד ווי ער.

דאס איז דער סוד פון דעם טאג. "וְנַהֲפוֹךְ הוּא". דער המן הרשע, זייענדיג אין זיין גרעסטע גדולה און רייכקייט, איז אויפאמאל דערנידערט געווארן פון זיין גרויסקייט און געהאנגען געווארן אויפן בוים ווי דער גרעסטער פארברעכער, און מרדכי הצדיק פון דער אנדערער זייט, וועלכער איז געזעצן אויפן גאס "לִפְנֵי שַׁעַר הַמֶּלֶךְ" אנגעטון אין א זאק און באדעקט מיט אש, איז געווארן מִשְׁנֶה לַמֶּלֶךְ און מען האט אים אנגעטון קעניגליכע קליידער, און די שרעקליכע גזירה איז איבערגעדרייט געווארן.

פון דא דארפן מיר זיך לערנען, אז קיינמאל זאל זיך א מענטש נישט גרויסהאלטן מיט זיין הויכן אמט אדער גרויס רייכקייט, ווייל דער אויבערשטער דערנידערט די שטאלצע, און אויך דער ארימאן זאל נישט זיין טרויעריג צוליב זיין נידעריגן מצב און זיין ארימקייט, וויבאלד דער אויבערשטער טוט הייבן די דערנידערטע, דאס איז א רעדל וואס דרייט זיך אויף דער וועלט און פלוצלונג אין א טאג קען דער ארימאן רייך ווערן און דער רייכער קען חלילה ארים ווערן.

קען מען זאגן בדרך צחות, אז אויך אינעם יום הַפּוּרִים, ווען מען איז זוכה און מען ווערט בגילופין עַד דְּלֹא יָדַע, איז נישטא קיין שום אונטערשייד צווישן ארים און רייך, קלוג אדער נאריש, נאר אלע זענען גלייך.

דאס איז דער תכלית פון די הייליגע ימי הפורים הַבָּאִים עָלֵינוּ לְטוֹבָה, און יעדער בַּר דַּעַת זאל גוט אויסנוצן די טעג מיט דאווענען און לערנען, און דער עיקר צו זיין בשמחה, ווייל דער כח פון שמחה איז זייער גרויס און עס דערנענטערט די הערצער.

(עפ"י טיב המועדים-פורים)

## טיב הפרשה

# דורך אמונה אין השגחה פרטית בשלימות מעקט מען אויס עמלק

די וואך גייט כלל ישראל מקיים זיין די מצוה פון מחיית עמלק. בנוסף צו די פרשת השבוע וועט מען אויך ליינען די פרשה פון עמלק און אינזינען האבן מקיים צו זיין די מצוה פון מחיית עמלק.

די פרשה וואס מען ליינט שבת זכור איז די פרשה וואס שטייט אין פרשת כי תצא. אין די פרשה ליינט מען 'והיה בהניח השם אלקיך לך מכל אויביך מסביב בארץ אשר השם אלקיך נותן לך נחלה לרשתה, תמחה את זכר עמלק מתחת השמים, לא תשכח'.

אין די פרשה שטייט אז יעדער איד האט א פליכט אויסצומעקן עמלק, אבער אז מען וועט אריינקוקן אין פרשת בשלח, וואו עס ווערט אויך אראפגעברענגט די חוב פון מחיית עמלק, באגעגענט מען א צווייטער סארט לשון.

דארטן שטייט כי יד על כס קה מלחמה להשם בעמלק מדור דור, אז השי"ת האלט מלחמה מיט עמלק, נישט דער מענטש.

לכאורה זענען די צוויי פרשה'ס א סתירה. ווער מעקט אויס עמלק, דער מענטש אדער דער רבוש"ע?

נאר עס קען זיין דער פשט אזוי. עס איז ידוע מפי ספרים וסופרים אז עמלק איז די גימטריא פון ספק, ווייל דאס איז זיין כח, ער ברענגט אריין ספיקות אין אידישע הערצער און מיט דעם שוואכט ער אפ א איד, אז ער זאל נישט קענען ווערן נאנט צו השי"ת און זיך דערהייבן מעלה מעלה.

אז א איד זאל זיך קענען אויפהייבן אין עבודת השם, אז ער זאל קענען שטייגן העכער, פעלט זיך אויס ער זאל האבן א יסוד אויף וואס ער קען זיך בויען און די יסוד צו אלעס איז א ריינע און א לויטערע אמונה, אבער אויב ער איז מצליח צו שפאלטן די יסוד, אז דער איד זאל ווערן אומזיכער מיט די אמונה, שאקלט זיך די גאנצע געביידע און ער קען אים גרינג אריינכאפן אין זיין נעץ.

כדרכו של היצר ארבעט ער קלוג. ער גייט נישט גלייך צו כפירה, ער הייבט אן מיט'ן אריינברענגען קלענערע ספיקות אין דער מענטש און אזוי ארום צוברעקעלט ער שטאַטלעך די יסודות פון די אמונה, אויף וואס די גאנצע געביידע שטייט.

אז א איד זאל אויסוואקסן אן אמת'ער עובד השם דארף ער האבן מסירות נפש. אסאך האראוואניע דארף מען האבן אז מען זאל אנקומען צו אמת'ע מסירות נפש, אבער איידער מען דערגרייכט עס, פאדערט זיך א

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

רצון אז מען זאל אנקומען דארט, אבער אז מען האט ספיקות פעלט דער יסוד אויף וואס דער גאנצער בנין שטייט.

אין הימל ווייסט מען די וויכטיגקייט פון די נקודה און טאקע וועגן דעם האט מען אריינגעפלאנצט פאר יעדן איד די פינטעלע אמונה. טיף, טיף, אינעווייניג אין די הארץ פון א איד באהאלט זיך א פינטעלע אמת'ע אמונה. די נקודה'לע האבן מיר באקומען ביים בארג סיני אבער עס איז נאך דארט פון פריער, פון אברהם אבינו.

עס איז צוליב די נקודה, וואס מען האט געזען אין אלע דורות אז אידן זענען געווען גרייט אריינצוטאנצן אין פייער למען כבוד שמו יתברך. אויך פשוטע אידן, די שוואכסטע פון די שוואכסטע, האבן עומד געווען בשעת נסיון אין די שווערע נסיון, ווייל אינעווייניג אין יעדער איד איז דא א הייליגע נקודה פון אמונה און עס פלאמט זיך אויף אין אזא מינוט.

און מיט די נקודה וויל זיך עמלק שלאגן, ווייל ער ווייסט אז איינמאל ער קומט אן צו די נקודה שוואכט ער אפ דעם איד, און אפילו אויב ער ברענגט אים נישט צו כפירה ממש איז ער מצליח אים אפצוקילן און פארלעשן די חיות פון א איד.

דאס ווייסט ער זייער גוט, און וועגן דעם פארלייגט ער אויף דעם גרויסע כוחות און פראבירט צו דערווייטערן א איד פון אמונה און אסאך מאל וועט א איד ניטאמאל שפירן ווי עס פאלט פון אים שטיקער אמונה, ווייל ווי געזאגט, רעדט ער נישט צו דעם מענטש איבער אמונה ממש, וויסנדיג אז גראבע כפירה רעדט נישט צו א איד.

אפילו ביי די גוים איז היינט דא אמונה אין השי"ת. די אמונה ביי גוים איז אזוי שטארק אז אפילו אין אמעריקע שרייבט מען ארויף אויף די דאלארן אז מען גלייבט אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אבער ער וועט קומען צו דעם מענטש און אים איינרעדן אז טאקע - עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט אבער די וועלט פירט זיך בדרך הטבע און אז דער באשעפער האט איבערגעלאזט די וועלט פאר די טבע, אז עס פירט זיך אליין, ער וועט אויפהערן צו גלייבן אין השגחה פרטית און אזוי וועט ער גיין מיט אים און אים אראפשלעפן מדחי אל דחי.

עס איז ידוע אז דער הייליגער רמב"ן האט אפגעשריבן אין פרשת בא די ווערטער פון די הייליגע אמונה, אז א איד דארף גלייבן אז עס געשעט מיט אים כסדר ניסים אבער עמלק רעדט אים איבער ער זאל זיך אנהייבן גלייבן אז אלעס איז טבע.

און די נקודה איז דער אשר קרך, ער זאל מיינען אז אלעס איז א מקרה.

און אז מען גייט אויסמעקן עמלק פרישט מען אויף אט די נקודה וועלכע האט זיך אפגעשפיגלט ביי די מלחמה פון עמלק. ווען עס האט אויסגעבראכן די מלחמה פון עמלק מיט כלל ישראל האט כלל ישראל צוריקגעפירט א מלחמה על פי דרך הטבע, אבער זייטיג צו די טבע האט מען קלאר געזען דער יד השם און ווי די משנה אין ראש השנה זאגט שוין אויפ'ן פסוק 'והיה כאשר ירים משה את ידו וגבר ישראל' און די משנה שמועסט אויס צי קען דען די הענט פון משה מאכן א מלחמה? נאר אזוי לאנג ווי די אידן האבן געקוקט כלפי מעלה און זיי האבן משעבד געווען זייער הארץ צו השי"ת האבן זיי געזיגט אין די מלחמה, אין די רגע ווען זיי האבן מסיח דעת געווען פון השי"ת איז עס געפאלן.

ביי די מלחמה האט כלל ישראל געזען עין בעין אז די טבע איז נאר א שלייער, אז אלעס איז העכער ווי די טבע און זיי האבן אויסגעריסן פון זיך די ווארצל פון ספיקות אין אמונה.

דער מהרש"א אויף די גמרא לייגט צו אז וועגן דעם איז משה רבינו געשטאנען אויף א בארג אז גאנץ כלל ישראל זאל אים קענען זען. מיר ווייסן אז ווען מען איז מתפלל שטייט מען אויף א נידריגע ארט ווי דער פסוק זאגט 'ממעקים קראתיך השם' נאר דא האט משה רבינו געוואלט אויסלערנען פאר כלל ישראל אז השי"ת פירט די מלחמה, אז ווען מען קוקט ארויף למעלה געווינט מען, ווען מען קוקט אראפ און מען הייבט אן גלייבן אין די טבע דערלייגט מען, ווייל עס איז נישט דא קיין טבע אויף די וועלט.

און דאס איז דער יסוד פון די מצוה פון אויסמעקן עמלק, אז מען זאל אויסמעקן פון הארץ יעדע פסול'ע אמונה. עס זאל זיין קלאר ביי יעדן איד אז נאר השי"ת פירט אונז, אז אלעס מאכט השי"ת, אז מיר זענען א בן יקיר פאר דער אב הרחמים.

און מיט דער יסוד ווערט זייער גוט פארענטפערט די סתירה צווישן די צוויי פרשה'ס. ביידע גייען צוזאמען. דער רבוש"ע וויל אז מיר זאלן אויסמעקן פון אונזער הארץ, אבער אין די זעלבע צייט ווען מיר טוען עס ווייזט ער אונז אז אויסמעקן עמלק גייט נאר מיט השי"ת, ווייל אן אים גייט נישט גארנישט, און אז מען איז קלאר אין די נקודה און מען איז מכיר אז אלעס פירט זיך מלמעלה, מעקט מען אויס עמלק.

זאל מען שוין זוכה זיין אויסצומעקן עמלק בשלימות.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## א שליחות פון הימל איבערצובעטן א צווייטן

עס האט דערציילט מורינו הרב שליט"א:

א איד, א חשובער מגיד שיעור, אין א בארימטע ישיבה, האט אים דערציילט די פאלגענדע מעשה:

עס איז געווען אין א צופרי ווען איך האב זיך געגרייט אריינצוגיין אין מיין שיעור־צימער איבערצוגעבן די טעגליכע שיעור פאר די בחורים ווען א צווייטער מגיד שיעור האט מיר דערציילט א שיינע עפיזאד פון דער חשובער מחנך הגדול ר' גמליאל באטעלמאן ז"ל.

ומעשה שהיה כך היה, אז דער מחנך הר"ר גמליאל האט אמאל געזען א קינד טון אן עולה און ער האט אים שטארק אנגעשריגן און באוואשן אויף די מעשה וואס ער האט געטון. אביסל שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער קינד איז בעצם נישט געווען שולדיג אין די מעשה.

הערנדיג אז ער האט יענעם סתם אזוי פארשעמט, האט ער אים איבערגעבעטן ברבים.

דער מגיד שיעור האט געהערט די מעשה און איז נאכדעם אריין צום שיעור. ווערנדיג פארזינקען אין די שיעור האט ער כמעט פארגעסן פון די מעשה. איבערגעבנדיג די שיעור האט ער באמערקט ווי א בחור קוקט אריין אין א זייטיגער ספר.

עס האט אים פארדראסן. נישט גענוג אז ער הערט אים נישט אויס, נאר ער זיצט דא און פאר זיינע אויגן קוקט ער אריין אין א צווייטער ספר. דער מגיד שיעור האט אנגעהויבן קנאקן אויפ'ן טיש און געוויזן פאר יענער בחור ער זאל זאפארט צומאכן יענע ספר.

נאכ'ן שיעור האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור האט אריינגעקוקט אין א פני יהושע.

דער מגיד שיעור האט נאכגעזאגט א פני יהושע און ער האט געוואלט זען דעם לשון אינעווייניג.

מיטאמאל איז אים ארויפגעקומען אין זכרון די מעשה וואס ער האט פריער דערציילט. אויפ'ן ארט האט ער צוזאמענגערופן צוויי הונדערט בחורים און אים איבערגעבעטן ברבים.

דער איד האט געשפירט אז עס איז געווען דא א השגחה עליונה ער זאל הערן די ערשטע מעשה אז ער זאל קענען ווערן דערוועקט און וויסן ווי אזוי מען פירט זיך אין אזא פאל.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס:
15326517922

# צדקה־געבן אין די ימי הפורים

צו די יְמֵי הַפּוּרִים הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם, האבן מיר דא צוזאמגעקליבן פונעם גרויסן ספר פון רבינו שליט"א, "טיב המועדים - פורים" בְּעִנְיָנָא דְּיוֹמָא.

און וויבאלד אין די טעג זענען אידישע קינדער שטארק מהדר אין די מצוה פון צדקה, אזוי ווי מיר ווייסן אז כָּל הַפּוֹשֵׁט יָד נוֹתְנִים לוֹ (או"ח סי' תרצ"ד ס"ג), האבן מיר דאסמאל אויסגעקליבן די געוואלדיגע מדה פון צדקה פון ישראל קדושים.

• • •

דער הייליגער צאנזער רב, הרב הקדוש בעל "דברי חיים" זצוק"ל, איז געווען באוואוסט אלס געוואלדיגער בעל־צדקה, און פלעגט געבן ריזיגע סומעס געלט פאר צדקה. און כאטש וואס פאר זיינע אייגענע געברויכן און די געברויכן פון זיין הויזגעזינד האט ער זייער געשפּאָרט, אבער פאר צדקה האט ער איבערגעדרייט זיין נאטור און פלעגט שפענדן זייער אסאך.

דער ערשטער סלאנימער רבי זצוק"ל, האט געשיקט זיין זון קיין צאנז, כדי ער זאל זיך אויסלערנען די מדה פון צדקה, און ער האט געגעבן צו פארשטיין פארוואס ער שיקט אים דארט, זאגנדיג: פון מיין נאטור בין איך א פזרן, איך האב ליב צו פארטיילן, ממילא איז נישט קיין שום חידוש אז איך געב אסאך צדקה אבער דער צאנזער רב איז א קמצן אין זיין נאטור, דעריבער איז זיין צדקה־טיילן א געוואלדיגע און חשוב'ע עבודה.

אין א געלעגנהייט, האט דער הייליגער צאנזער רב געדארפט פארן קיין ווין זיך צו היילן, ווייל ווי באוואוסט איז ער פאר לאנגע יארן קראנק געווען אויף די פוס, און צוזאמען מיט אים איז געפארן זיין זון, דער הייליגער גארליצער רב זצוק"ל. אונטערוועגנס, פארנדיג אויפן באן, האבן זיי באגעגנט צוויי חשוב'ע תלמידי חכמים, אייניקלעך פונעם הייליגן נודע ביהודה זצוק"ל, און דער הייליגער צאנזער רב האט זיי אויפגענומען בכבוד גדול ובסבר פנים יפות, ווי עס פאסט פאר אייניקלעך פון אזא הייליגן גאון. דער הייליגער גארליצער רב האט זיך פארגעשטעלט, אז ווי דער שטייגער פון תלמידי חכמים וועלן זיי מסתמא רעדן מיטן טאטן אין לערנען, און האט זיי געלאזט רעדן מיט אים, און ער איז געגאנגען ערגעץ אנדערש.

דערווייל האבן זיי דערציילט פארן צאנזער רב אז זיי זענען יעצט עוסק אין א דבר־מצוה פון פדיון נפש, און אים געפרעגט אויב וועט ער זיי קענען העלפן מיט א גוטע נדבה לכבוד די חשוב'ע מצוה! דער צאנזער רב האט נישט צופיל געטראכט, און האט גלייך ארויסגענומען דעם גאנצן פעקל געלט וואס ער האט אנגעגרייט פאר די נסיעה קיין ווין, וואס דארט איז געלעגן זייער א גרויסע סומע וואס זיי האבן געדארפט האבן פאר די וועגן, און צו באצאלן פאר די דאקטוירים און אלע ארומיגע אויסגאבן, און צו זייערע פארוואונדערטע אויגן האט ער אויסגעליידיגט דעם גאנצן פעקל און עס זיי געגעבן.

ווען די באן איז אנגעקומען צום גרויסן שטאט ווין, און דער צאנזער רב מיטן גארליצער רב זענען ארויסגעגאנגען פונעם באן־סטאנציע צו די רוישיגע שטאט, האט דער גארליצער רב געבעטן דעם טאטן אביסל געלט צו דינגען א וואגן וואס וועט זיי נעמען צו איינע פון די האטעלן פון שטאט, וואו זיי וועלן זיך אויפהאלטן ווילאנג זיי וועלן זיך געפינען אין ווין.

האט אים דער צאנזער רב דערציילט די גאנצע מעשה וואס איז פארגעקומען אויפן באן, ווי ער האט געגעבן זיין גאנצע געלט פאר די אייניקלעך פונעם נודע ביהודה, וועלכע האבן עס אים געבעטן פאר פדיון שבויים, און יעצט האט ער נישט קיין פְּרוּטָה לְפוֹרְטָה, נישט פאר די האטעל, און אפילו נישט צו דינגען א פערד און וואגן...

הערנדיג די ווערטער, איז דער גארליצער רב שטארק דערציטערט געווארן. וויאזוי קען מען אנקומען אין א פרעמדע שטאט אן א פרוטה? וואס גייט מען יעצט טון? זיי שטייען דא אינמיטן דעם רוישיגן הויפטגאס, וואו עס זענען אין יענע צייטן כמעט נישט געווען קיין חסידים, אין א פרעמדע שטאט וואס דאס מערהייט פון די איינוואוינער זענען גוים גמורים, און ווייסן נישט וואו זיך צו ווענדן.

האט ער זיך אנגערופן צום הייליגן טאטן און געפרעגט מיט גרויס זארג: אויב אזוי, וואס זאלן מיר יעצט טון? האט דער טאטע געזאגט צו אים, אז אויב האט מען נישט דעם מעגליכקייט צו אריינגיין אין א האטעל, און אויך נישט צו דינגען א פערד און וואגן, לאמיר אריינגיין אין א נאנטן בית המדרש, כאטש וועט מען לערנען אביסל...

זענען זיי אריינגעגאנגען אין א בית המדרש, אוועקגעלייגט די פעקלעך אין א זייט, און דער צאנזער רב איז גלייך צוגעגאנגען צום ספרים שאפע, ארויסגענומען א גמרא און זיך גלייך גענומען לערנען מיט גרויס דביקות כדרכו בקודש, פארגעסנדיג די גאנצע וועלט ארום, אזוי ווי עס גייט אים בכלל נישט אן צי זיי זענען יעצט אין ווין אדער אין צאנז...

דער גארליצער האט זיך אבער נישט געקענט בארואיגן זעענדיג זייער שווערער מצב, און האט באשלאסן ארויסצוגיין איבער די גרויסע שטאט, און פראבירן שאפן אביסל געלט וויאזוי עס זאל נאר זיין, אדער כאטש אן אכסניא וואס זאל זיין פאסיג פארן גרויסן טאטן. אזוי האט זיך דער גארליצער רב געדרייט איבער די גאסן פון שטאט אהין און אהער, אינדערצייט וואס דער הייליגער רבי איז געזעצן אין שול און געלערנט רואיג און געשמאק.

עס איז נישט דורכגעגאנגען קיין סאך צייט, און פלוצלונג קומט אריין אן אומבאקאנטער איד אין שול. אויף זיין אויסזען האט מען געקענט זען אז ער קומט פון דייטשלאנד, און איז זייער א פארמעגליכער איד. פלוצלונג האט דער איד באמערקט דעם הייליגן "דברי חיים" ווי ער זיצט אין א ווינקל און לערנט מיט גרויס התמדה, איז ער גלייך צוגעלאפן צו אים מיט גרויס שמחה און מיט א שטראלנדיג געזיכט, זאגנדיג "שלום עליכם, חיים! וואס מאכסטו? מיר האבן זיך שוין לאנג נישט געזען"...

גאנץ שנעל האט דער צאנזער רב זיך דערמאנט, אז דאס איז זיין יוגנט־פריינד וועלכער האט געלערנט צוזאמען מיט אים, מיט יארן פריער, ביי זיין גרויסן שווער דער "בָּרוּךְ טַעַם" אין די שטאט לייפניק, און פון דעמאלטס זענען שוין דורכגעגאנגען אסאך יארן וואס זיי האבן זיך נישט באגעגנט. דער איד האט אים געפרעגט וואס ער מאכט, און אויך האבן זיי גערעדט אין לערנען, און דער איד האט זיך געפריידט צו זען אז עס איז ממש לֹא נָס לֵיחוֹ, און ער שטייגט אין לערנען.

נאכן טוישן אביסל זכרונות פון פריערדיגע צייטן, האט דער חבר געפרעגט דעם דברי חיים: אויב וואוינט איר אינעם ווייטן שטאט צאנז, וואו דו ביסט א רב און אב־בית־דין, וואס האט אייך אהערגעברענגט קיין ווין? האט דער דברי חיים אים פארציילט, אז וויבאלד ער דארף זיך לאזן היילן זיין קראנקן פוס, האט ער געמוזט מאכן די גאנצע לאנגע וועג כדי צו באזוכן די גרויסע פראפעסארן דא אין שטאט.

און וואו שטייסטו איין, מיין פריינט? האט דער חבר געפרעגט. האט דער דברי חיים אים דערציילט דעם גאנצן אמת, אז דערוויל בלייבט ער נעכטיגן דא אין בית המדרש, וויבאלד עס איז אים גארנישט געבליבן פון זיין געלט! דער חבר, וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, איז זייער באגייסטערט געווארן, זעענדיג זיין גוטן חבר אין זיין ענגשאפט, און האט גלייך אויפן ארט ארויסגענומען גאר א גרויסע סומע געלט, וואס איז געווען ברייט גענוג צו דעקן אלע אויסגאבן וואס דער רבי וועט דארפן האבן אין ווין, און נאך מיט א שמיץ אריבער!

דער רבי האט אים הארציג באדאנקט, און האט אים אפגעזעגנט לשלום מיט א שיינע ברכה, און דער צאנזער רב האט זיך גלייך צוריקגעזעצט לערנען, און האט זיך גאנץ שנעל צוריק אריינגעלאזט אין די טיפענישן פון די סוגיא וואו ער האט פריער געהאלטן.

א שטיק צייט שפעטער, איז דער גארליצער רב צוריקגעקומען אין שול מיט א צובראכענעם געמיט, וויבאלד אין די גאנצע צייט איז אים נישט געלונגען צוזאמצושטעלן קיין געלט אדער טרעפן אן עצה. דער גארליצער רב האט נישט געוואוסט וואס צו טון, וואו וועט דער צדיק לייגן זיין קאפ?!

אריינקומענדיג אין שול, האט ער געזען ווי זיין טאטע זיצט באהלה של תורה, פארטיפט אינעם סוגיא מיט רואיגקייט. עס האט אויסגעזען ווי ער האט אינגאנצן פארגעסן וואו זיי געפינען זיך, און פארוואס זיי זענען אהערגעקומען, און אויך איבער דעם גרויסן ענגשאפט אין וועלכע זיי געפינען זיך... צוליב די אומשטענדן

המשך אין עמוד ד' >

לעילוי נשמת

הרה"ח רבי ישראל דוד ב"ר מאיר זצ"ל

נלב"ע י"ד אדר ב' תשמ"ט - ת.נ.צ.ב.ה.

ולע"נ מרת נעכא סאסא בת ר' יהושע הכהן ע"ה

נלב"ע כ"ב אדר א' תש"ס - ת.נ.צ.ב.ה.

---

הונצח ע"י חתנם מורנו ורבנו שליט"א

איז ער צוגעגאנגען צום טאטן, און אים ערקלערט די שווערקייט פונעם מצב...

צו זיין שטוינונג, האט דער דברי חיים ארויסגעשלעפט פון קעשענע דעם בינטל באַנקנאָטן וואס ער האט נארוואס באקומען פון זיין חבר דער גביר, און האט עס געוויזן פאר זיין זון. דער גארליצער רב איז געבליבן שטיין פארוואונדערט. וויאזוי קען דאס זיין? איך האב זיך געדרייט אין שטאט עטליכע שעה און פראבירט ביי אסאך מענטשן, אפילו ביי די גרויסע גבירים, און כמעט גארנישט איז אריינגעקומען... און דער טאטע וועלכער איז געבליבן זיצן אין בית המדרש, האט פלוצלונג פארשאפט אזא גרויסן סומע?

האט אים דער צאנזער רב דערציילט, אז זיין אלטער פריינד איז דא אריינגעקומען, און האט אים געשאנקען די גאנצע סומע. זעענדיג ווי זיין זון איז אזוי פארוואונדערט געווארן פון דעם מופת און ישועה וואס איז אזוי פלוצלונג געקומען, האט דער דברי חיים אים געזאגט: וואס האסטו דען געמיינט, אז דער אויבערשטער געפינט זיך נישט אין ווין? דער זעלבער רבונו של עולם וואס געפינט זיך מיט אונז אין צאנז, געפינט זיך אויך דא אין ווין!

• • •

דער הייליגער מהרש"א זצוק"ל האט געהאט א באוואוסטע ישיבה אין זיין שטאט, וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים. אין אנהייב פלעגן זיי זיצן אינעם גרויסן בית המדרש פון די שטאט, אבער נאך עטליכע יאר ווען די תלמידים האבן זיך פארמערט, איז דער ארט שוין געווען צי ענג, און מען האט געדארפט האבן א גרויסן בנין פאר די ישיבה. נאך פיל אנשטרענגונגען און פלענער, האט מען אויסגערופן אז א "מעמד הנחת אבן הפינה" וועט פארקומען אין שטאט, פארן נייעם בנין פון די הייליגע ישיבה.

דער מנהיג אין יענע צייטן איז געווען, אז מען האט געמאכט אן עפנטליכע פארקויף, צו זוכה זיין אריינציווארפן דעם ערשטן שטיין, דעם "אבן הפינה", און ווער עס האט געגעבן דעם גרעסטן סומע דער האט זוכה געווען דערצו.

פלוצלונג, עטליכע שעה פאר דאס פארקויף האט געדארפט פארקומען, איז אן אומבאקאנטער איד, וועלכער איז נישט געווען פון די עשירים פון שטאט, צוגעגאנגען צום גבאי, און אים פארגעשלאגן צו געבן א ריזיגן סומע פון פינף טויזנט רובל, און דערביי האט ער אים געבעטן אז ער זאל נישט ארויסגעבן זיין נאמען פאר קיין שום בְּרִיָּה אויף די וועלט, אפילו נישט פארן רב. נאר, גלייך ווען מען הייבט אן דעם פארקויף, זאל ער אויפהייבן די סומע צו פינף טויזנט, און מכבד זיין דעם רב מיטן הנחת אבן הפינה.

דער גבאי האט גלייך צוגעשטימט צום פארשלאג, ווייל וואס האט אים דען געשטערט אויסצופירן אזא פשוט'ער באדינג... ער האט זיך שטארק געפריידט אויפן גרויסן סומע וואס דער איד האט אים געגעבן, מיט וועלכע מען וועט קענען בויען דעם גאנצן בנין מיט גרויס פראכט, און אפילט קענען אויסהאלטן די ישיבה פאר א שיינע פאר יאר.

ווי נאר מען האט אנגעהויבן דעם פארקויף, און די גבירים האבן זיך אנגעהויבן דינגען צווישן זיך, ווער וועט זוכה זיין אין די מצוה, און איינער האט געזאגט פופציג, דער הונדערט, און אזוי ווייטער, הונדערט און פופציג, צוויי הונדערט, האט דער גבאי פלוצלונג, צו יעדנ'ס וואונדער, זיך אנגערופן: "פינף טויזנט רובל". יעדער איז אויפאמאל שטיל געווארן, און געזוכט דעם גרויסן עושר וואס האט זיך געוואגט צו הייבן אזא גרויסער פרייז. דער גבאי האט אבער מקיים געווען דעם תְּנַאי, און האט קיינעם נישט דערציילט ווער איז דער חשוב'ער נָדִיב.

ווען דער הייליגער מהרש"א איז צוגעקומען אריינצולייגן דעם אבן הפינה, האט ער געפאדערט אז מען זאל אים זאגן ווער איז דער וואס האט מנדב געווען אזא שיינעם סומע צו בויען די ישיבה. ער האט נישט מסכים געווען צום תנאי פונעם פארהוילענעם נדבן, וועלכער האט געוואלט בלייבן באהאלטן, און האט גוזר געווען אויפן גבאי, בגזירת מרא דאתרא, אז ער זאל אים דערציילן ווער איז דער נדבן. דער גבאי האט נישט געהאט קיין אנדער ברירה, און האט געמוזט דערציילן פארן הייליגן מהרש"א ווער איז דער חשוב'ער נדבן, און דער צדיק האט געהייסן אז מען זאל אים שוין ברענגען פאר אים.

ווען דער נדבן איז אנגעקומען, האט דער מהרש"א אים געפרעגט: וואס האט דיר געבערענגט צו געבן אזא גרויסע נדבה? און אויך, וויאזוי איז אנגעקומען צו דיר אזא ריזיגע סומע געלט, אינדערצייט וואס דו ביסט איבערהויפט נישט פון די עשירים?

האט דער איד געזאגט: עס איז טאקע ריכטיג אז איך בין נישט קיין גרויסער עושר, נאר דאס איז מיין גאנצע פארמעגן וואס איך האב זיך געפלאגט און אפגעשפאָרט מיין גאנצן לעבן! וויבאלד מיר האבן נישט קיין קינד, און מיר ווערן שוין עלטער, וואס האבן מיר דען פון אונזער גאנצע געלט? דעריבער האבן מיר באשלאסן צו מנדב זיין דאס גאנצן פארמעגן פאר די הייליגע ישיבה, און אזוי וועט אונז בלייבן א נאמען אויף דער וועלט.

איז דער מהרש"א שטארק נתפעל געווארן פון זייער געוואלדיגע מצוה, און האט אים גלייך מבטיח געווען אז אין זכות פון די גרויסע מצוה פון צדקה צו וועלכע זיי האבן זוכה געווען, וועלן זיי זוכה זיין צו א בֵּן זָכָר! און טאקע, נאך אינעם זעלבן יאר זענען זיי געבענטשט געווארן מיט א געזונטע אינגעלע.

ווען דער אינגל איז גרויס געווארן, האט אים זיין טאטע געוואלט אריינעמען אין די הייליגע ישיבה, אבער די מנהלים פון די ישיבה וועלכע האבן אים נישט דערקענט, וויבאלד די גאנצע מעשה איז געבליבן פארהוילן, און נאר דער מהרש"א און דער גבאי האבן געוואוסט דערפון, האבן זיי אים נישט געוואלט אריינעמען, זייענדיג דער זון פון א פשוט'ער מענטש.

האט זיי דער מהרש"א דערציילט, אז דער טאטע פון דעם בחור איז דער וועלכער האט געבויט דעם גאנצן בנין פון די ישיבה. גלייך האט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און ער איז שטארק געשטיגן אין די הייליגע תורה און אין עבודת השי"ת, ביז ער איז געווארן א געוואלדיגער תלמיד חכם און בַּר אוֹרְיָן.

["טיב המועדים - פורים", בפסוק (אסתר ט, כב) "ומתנות לאביונים"]




על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצבה

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 05276-10455 078-3331109 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173